# איציק מאַנגער

# ד״ר שלמה עטינגער

(געווידמעט ד״ר מאַקס וויַינרייַך, דעם פֿאָרשער און אַרויסגעבער פֿון ד״ר עטינגערס כּתבים).

די ייִדענע האָט גערעדט און גערעדט. געמאָלן ווי אַ מיל. איידער זי האָט אַרויסגעזאָגט איין וואָרט, זענען שוין צען אַנדערע געפֿלויגן אויף צו פֿריער. דאָקטאָר עטינגער איז געזעסן, אָנגעשפּאַרט מיט ביידע עלנבויגנס אין טיש און זיך צוגעהערט.

– אַז די כאָליערע האָט געזאָלט כאַפּן די כאָליערע, דאָקטער, איידער זי איז געבוירן געוואָרן אויף דער וועלט. וואָס האָט זי געוואָלט פֿון מייַן איידעם, וואָס? אָט איז ער געווען פֿריש און געזונט, געהאָרעוועט און מפרנס געווען דאָס ווייַב מיט די פֿינף קינדערלעך, האָט זיך באַוויזן אין אַ שיינעם טאָג די כאָליערע און האָט אים אַוועקגעלייגט אין איינע דרייַ טעג. איבערגעלאָזט מייַן טאָכטער, אַ וויסטע אַלמנה מיט פֿינף יתומים נעבעך. איצט ליגט דאָס אַלץ אויף מייַנע פּלייצעס, און איך אַליין, דאָקטער, בין אַן אַלט און שוועך מענטש, קוים וואָס איך זשיפּע.

דאָקטאָר עטינגער האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פֿון דער אַלטער ייִדענע. מיט האַלב צוגעמאַכטע אויגן האָט ער געטראַכט, אַז די ייִדענע איז בפֿירוש גערעכט: „אַ כאָליערע האָט טאַקע געמעגט נעמען די כאָליערע“, איידער זי איז געקומען אויף דער וועלט, אַ היפּשן חורבן האָט זי אָנגעמאַכט אין זאַמאָשטש. כּמעט אין יעדער שטוב איז געווען אַ מת.

ער, דער דאָקטאָר, האָט אייגנטלעך נישט געהאַט וואָס זיך צו באַקלאָגן אויף איר. אַ דאַנק איר האָט מען זיך דערמאָנט אין אים, אַז ער האָט געענדיקט מעדיצין אין לעמבערג. אין דער צייַט פֿון אַזאַ מגפֿה, האָט מען זיך געמאַכט נישט וויסנדיק; ביז איצט האָט

מען אים נישט געוואָלט אָנערקענען דעם דאָקטאָר-טיטל, דערפֿאַר ווײַל ער האָט געענדיקט אין אויסלאַנד.

בשעת דער מגפֿה האָט מען זיך אַפֿילו געווענדט צו אים פֿון דער מאַכט, אַז ער זאָל טאָן, וואָס ער קען און העלפֿן פֿאַרטרײַבן די כאָליערע צוריק אין איר רו אַרײַן. איצט, אַז מען האָט שוין די מגפֿה פֿאַרטריבן, וועט מען זיך ווידער דערמאָנען, אַז ער האָט נישט לעגאַליזירט זײַן דיפּלאָם און מען וועט אים ווידער דעגראַדירן צו דער מדרגה פֿון אַ פּשוטן פֿעלדשער.

די אַלטע האָט דערווײַל נישט פֿאַרלוירן קיין איין רגע, וואָס דער דאָקטאָר טראַכט, זאָל ער זיך טראַכטן געזונטערהייט און זי האָט ווײַטער געמאָלן ווי אַ מיל, אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ. דערציילט ווי אַזוי שווער ס'קומט איר אָן אויפֿצוכאָווען די אייניקלעך, די בידנע יתומים. די טאָכטער, די אַלמנה, איז אויך נישט קיין געזונטע און זי אַליין איז אויך לעצטנס נישט מיט אַלעמען. ס'שטעכט איר דאָ און דאָ אין דער הוסט, אין קאָפּווייטיק נישט צו פֿאַרזינדיקן, און עס שווינדלט איר פֿאַר די אויגן...

דער דאָקטאָר האָט זיך אַלץ נאָך צוגעהערט צו די רייד פֿון דער אַלטער און געטראַכט, סאַראַ שיין לשון דאָס יִדיש-לשון איז, ער האָט פֿון תּמיד אָן זיך ליב צוצוהערן צו דער שפּראַך פֿונעם פּראָסטן פֿאָלק. אַ טײַערע, שיינע שפּראַך. ער פֿאַרשטייט ניט פֿאַר וואָס די אינטעליגענץ באַציט זיך מיט אַזאַ ביטול צו דער דאָזיקער שפּראַך. פֿאַר וואָס מען רופֿט זי מיט דעם זידל-נאָמען „זשאַרגאָן“. ער, דער דאָקטאָר שלמה עטינגער, האָט ליב די דאָזיקע שפּראַך אַהבֿת נפֿש. זי איז אים אייגן און טײַער. אָפֿט זיצט ער בײַ נאַכט, ווען זײַן הויזגעזינט שלאָפֿט שוין, און שרײַבט אין דער שפּראַך משלים. קליינע מעשׂהלעך און קאַטאָוועסלעך.

די ייִדענע טענהט אָבער ווײַטער דאָס איריקע: – איז בין איך הייסט עס געקומען צו אײַך, דאָקטאָר, איר זאָלט מיר געבן אַ רפֿואה, נאָר זעט, דאָקטאָר, אַז די רפֿואה זאָל נישט קאָסטן טײַער, פֿון וואַנען זאָל איך נעמען, אַז איך בין אַן אָרעם מענטש, און אויף מײַנע פּלייצעס ליגן, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, אַן אַלמנה מיט פֿינף ווערים. אוי, די כאָליערע, דאָקטער, אַז די כאָליערע האָט זי געדאַרפֿט טרעפֿן, איידער זי איז אויף דער וועלט געקומען.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפֿגעהויבן, אונטערזוכט די אַלטע און איר פֿאַרשריבן אַ רעצעפּט.

– ס׳איז אַ קלייניקייט, מומעשי, אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר זײַן אין גאַנצן געזונט. איר וועט נאָך טאַנצן אַ ברוגז-טאַנץ אויף דער חתונה פֿון אײַער ייִנגסטן אייניקל.

די ייִדענע האָט גענומען דעם רעצעפּט, מיט טרערן אין די אויגן אים געדאַנקט:

– איר זענט אַ טײַערער מענטש, דאָקטער, דער אויבערשטער זאָל אײַך באַצאָלן פֿאַר דעם גוטס, וואָס איר האָט געטאָן פֿאַר מיר און נאָך אַזעלכע אָרעמע-לײַט ווי איך.

אַזוי ווינטשנדיק, איז זי אַוועקגעגאַנגען. דאָקטאָר עטינגער האָט געשמייכלט: „גאָט זאָל אײַך באַצאָלן, דאָקטער“. פֿון דער רובֿ פּאַציענטן זײַנע הערט ער דאָס. אַ שיין פּנים וועט ער מאַכן, דער אויבערשטער, אַז ער, דער דאָקטאָר עטינגער, וועט אים איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר צושטעלן די רעכענונגען פֿון אַלע אָרעמעלײַט, וואָס ער האָט באַהאַנדלט אין משך פֿון זײַן לעבן. אויף יענער וועלט וועט ער פֿון דער סומע קאָנען לעבן אַ גוטן טאָג. אויף דער וועלט איז אים דערפֿאַר ביטער. פֿון די אַלע פּאַציענטן האָט ער קוים אויף וואַסער צו דער קאַשע. נאָר דאָס וואָלט נאָך געוועז צום דערלײַדן. ער פֿון זײַן זײַט האָט קיין טענות נישט. אָבער זי, זײַן ווײַב גאָלדע, איז נישט צופֿרידן. גייט אַרום כּסדר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז און זאָגט אים שטעכווערטלעך וואָס דערגייען ביז צו דער זיבעטער ריפּ.

און אַז מען וויל קלערן אויף קאַריק, איז זי נעבעך אויך גערעכט. אַז גאָט האָט איר באַשערט אַ מאַן אַ שלימזל, וואָס פֿאַר אים איז געווּג, אַז ער שרײַבט משלים, קליינע מעשׂהלעך און קאַטאָוועסלעך. גאַנצע נעכט קאָן ער אַזוי אָפּזיצן בײַ זיך אין חדר און שרײַבן. „טענטלען“ הייסט עס אויף איר לשון.

„טענטלען“ – אַ טײַער וואָרט – טראַכט דאָקטאָר עטינגער. ער האָט עס שוין אַפֿילו פֿאַרשריבן בײַ זיך אין נאָטיץ-ביכל, ס׳וועט אַ מאָל קומען צו אַ משל, אָדער אַ קאַטאָוועסל.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז אים אַרט נישט דאָס, וואָס ער האָט נישט קיין פּרנסה, ס'אַרט אים בפּירוש שטאַרק. נאָר ווען קאָן ער זיך העלפֿן. וויל ער דען נישט? נאָך אַ מין ווערלן. אָבער ווי זאָגט טאַקע זײַן גאָלדע: „ס'איז נישט געפּידלט און נישט געפֿאָרן".

דאָס וואָרטשען פֿון זײַן פּלוניתטע טוט אים וויי. בפֿרט אַז ער פּילט, ווי זי איז גערעכט. אָבער פֿון דעסט וועגן קאָן ער נישט גובֿר זײַן די שוואַכקייט זײַנע. אַפֿילו אירע שטעכווערטלעך פֿאַרשרײַבט ער. ער איז אַ דיכטער, דער דאָזיקער שלמה עטינגער. ער לאָזט די פֿאַרסמטע ווערטער האָגלען איבער זײַן קאָפּ און פּילט בשעת מעשׂה זייער שײנקייט. ס'טוט אים וויי און ער האָט הנאה פֿון זיי, בײַ נאַכט בײַם שרײַבטיש לעבן זיי אויף פֿאַר אים. די חיות פֿון זײַנע משלים רעדן דאָך אויף ייִדיש, קומט אים יעדעס וואָרט צונויף. ווען אַ שלאַנג אין זײַנעם אַ משל דאַרף באַקומען לשון, רעדט זי אין דער שפּראַך פֿון זײַן פּלוניתטע, בשעת זי איז אין כּעס. גיפֿטיק, מיט שטעכווערטלעך, מיט אָנצוהערענישן. ציש, ציש, ציש.

ער דרייט זיך אַרום איבערן קאַבינעט. אַהין און צוריק. אַהין און צוריק, אָט שטעלט ער זיך אָפּ בײַ דער ביכער-שאַפֿע. מיט ליבשאַפֿט קוקט ער אויף די ביכער, דעם איינציקער אוצר, וועלכן ער פֿאַרמאָגט. אָט שטייען זיי איינער נעבן דער צווייטן. די ווערק פֿון די דײַטשישע משלים-שרײַבערס געלערט, ליכטווער, די עפּיגראַמען פֿון לעסינג, די לידער פֿון טעאָדאָר קערנער. דאָ נישט לאַנג האָט ער איבערגעזעצט קערנערס באַלאַדע „וואַלעהייד" אויף ייִדיש. און מיט צופֿרידנקייט האָט ער פֿעסטגעשטעלט, אַז ייִדיש טויג זיך נישט נאָר פֿאַר משלים און קאַטאָוועסלעך, אַפֿילו פֿאַר דער פֿאַנטאַסטיק פֿון דער באַלאַדע איז זי פּאַסיק. צו אַלע פֿאָרמען פֿון דער דיכטונג איז זי מסוגל. עס דאַרפֿן נאָר קומען די געהעריקע מײַסטערס.

מיט אַ באַזונדערער ליבשאַפֿט האָט שלמה עטינגער באַטראַכט דעם גרויסן באַנד „שילערס ווערקע", וואָס איז געשטאַנען אין זײַן ביכערשאַנק. דאָרט אין דעם באַנד געפֿינט זיך שילערס מעכטיקע פּאָעמע „די גלאָקע". אויפֿן שטייגער פֿון שילערס „גלאָקע" האָט ער, דער דאָקטאָר שלמה עטינגער פֿון זאַמאָשטש, אָנגעשריבן זײַן פּאָעמע „דאָס ליכט". בײַ זיי, בײַ די גויים,

באַגלייט דער גלאָק דעם מענטש פֿונעם וויגל ביז צום קבֿר. און בײַ ייִדן באַגלייט דאָס ליכט דעם מענטש פֿונעם וויגל ביז צום קבֿר. מיט אמתער מײַסטערשאַפֿט האָט ער גובֿר געווען די שווערע און קאָמפּליצירטע פֿאָרמען פֿון דער פּאָעמע. דער ריטם פּאַסט זיך צו יעדער שטימונג, וואָס ווערט געשילדערט. אַנדערש פֿלאַקערט דאָס ליכט אויפֿן ברית פֿונעם נײַ-געבוירענעם קינד און אַנדערש פֿלאַקערט עס צו קאָפּנס פֿון דעם מת. אַ טײַערע שפּראַך, אָט די ייִדישע שפּראַך. פֿאַר אַלץ אין דער וועלט האָט זי דאָס נויטיקע וואָרט. זי איז בויגעוודיק און האַרט, צאַרט און שטעכיק. זי קאָן פּישטשען ווי אַ קינד און שעלטן ווי אַ סעדעכע. זי קאָן ווינקען מיט אַן אויג, „שטויס דיך אָן, וואָס איך מיין“ און קאָן זײַן באַרעדעוודיק ביז צום דול ווערן. אים טוט הנאה וואָס ער שרײַבט אין דער דאָזיקער שיינער שפּראַך. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס ער האָט נישט פֿאַר וועמען צו לייענען זײַנע שאַפֿונגען. פֿאַר וועמען, למשל? פֿאַר זײַן ווײַב גאָלדע שתּחיה? גייט שוין, גייט. ער איז צופֿרידן, אַז זי לאָזט אים צו רו. וועט ער גיין פֿאַרטשעפּען מיט איר? אָט האָט ער לעצטנס אָנגעשריבן אַ דראַמע „סערקעלע“, ליגט זי בײַ אים אין שופֿלאָד און קיינער ווייסט אַפֿילו נישט וועגן דעם. ער האָט שוין אַ סך מאָל געטראַכט, אַז מען דאַרף אָפּדרוקן די אַלע כּתבֿים זײַנע און זיך אַליין צעלאַכט פֿון אָט דעם דאָזיקן אײַנפֿאַל.

ס'דאַרף אָפּקאָסטן אַ פֿאַרמעגן מיט געלט. און ווו נעמט מען עס? קוים, קוים וואָס ער האָט אויף איבערצוקומען די וואָך.

אַלע מאָל, ווען ער טראַכט וועגן אַרויסגעבן זײַנע ווערק, גיט אים אַ שטאָך אין האַרץ. ווערק, וואָס ליגן אין שופֿלאָד, זענען אַ ברכה לבטלה. נאָר וואָס קאָן מען זיך העלפֿן?

אין פֿאָדערהויז האָט עמעצער געפֿרעגט צודרינגלעך און שאַרף:

דער דאָקטאָר איז דאָ אין דער היים? מען בעט אים, ער זאָל תּיכּף קומען צו אַ חולה, וואָס איז קראַנק געוואָרן אויף כאָליערע.

עטינגער האָט געעפֿנט די טיר פֿונעם קאַבינעט. פֿאַר אים איז געשטאַנען אַ יונג מיט צעשויבערטע האָר און מיט אַ פּלאַטשיקער נאָז.

– ווער איז קראַנק אויף כאָליערע?

– איינער, אברהם בער גאָטלאָבער. ער איז נישט קיין היגער. אויפֿן דורכפֿאַל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין אונדזער אַכסניה און איז קראַנק געוואָרן אויף כאָליערע.

דאָקטאָר עטינגער האָט ממש אויפֿגעשײַנט. די אויגן זײַנע האָבן אויפֿגעלויכטן פֿאַר פֿרייד:

– אברהם בער גאָטלאָבער איז דאָ אין זאַמאַשטש.

איצט וועט ער דאָך האָבן פֿאַר וועמען צו לייענען זײַן „סערקעלע“.

ער האָט אין גאַנצן פֿאַרגעסן, אַז דאָס רופֿט מען אים איצט צו אַ חולה, וואָס איז קראַנק אויף דער כאָליערע. פֿאַר אים איז גאָטלאָבער נישט קיין חולה, נאָר אַ באַרימטער שרײַבער. פֿאַר אים וועט ער לייענען זײַן דראַמע און ער וועט זאָגן מבֿינות.

– איך קום שוין, טאַקע די רגע – האָט ער זיך אָפּגערופֿן צום יונג. דער יונג איז תּיכּף אַוועק. און אַנשטאָט דער וואַליזקע מיט די אינסטרומענטן האָט דער דאָקטאָר עטינגער אַ כאַפּ געטאָן אַ דיקן העפֿט פֿונעם שרײַבטיש און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

אברהם בער גאָטלאָבער איז געלעגן אין בעט, געוואַרט אויפֿן דאָקטאָר.

ענדלעך האָט זיך די טיר אויפֿגעעפֿנט און דער דאָקטאָר עטינגער איז אַרײַנגעפֿאַלן אַ פֿאַרסאַפּעטער, קוים געקענט דעם אָטעם כאַפּן.
ער האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן חולה. אַ רגע אים באַטראַכט. דאָס אויג פֿונעם דאָקטאָר האָט תּיכּף דערקענט, אַז דער באַרימטער משׂכּיל איז ווײַט פֿון כאָליערע. ס'איז העכסטנס אַ קליינע מאָגן-שטערונג און נישט מער.

– וואָס טויג אײַך כאָליערע, – האָט ער צו אים אַ זאָג געטאָן. – אַמער וועל איך אײַך בעסער לייענען מײַן „סערקעלע“.

און נישט אָפּוואַרטנדיק קיין ענטפֿער, האָט ער תּיכּף פֿונאַנדערגעוויקלט דעם העפֿט און אָנגעהויבן לייענען:

– סערקעלע, אָדער די יאָרצײַט נאָך אַ ברודער, גאָר אַ נײַ טעאַטער-שטיק אין פֿינף אויפֿציען. פּאַרשוינען: ר׳ משה דאַנציקער, אַן אויפֿגעקומענער עושר, סערקעלע זײַן ווײַב, פֿריידע אַלטעלע זייער...

דער דאָקטאָר האָט געלייענט אין איין אָטעם, זיך אַליין פֿאַרכלינֿיעט מיט די ווערטער, אברהם בער גאָטלאָבער האָט זיך אײַנגעהערט מיט גרויס אינטערעס. די געשטאַלטן פֿון דעם טעאַטער-שטיק האָבן ממש געלעבט. ער האָט געפֿילט זייער אָטעם. זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט דאָ אין שטוב. דער פּאַנטאָפֿל-העלד ר׳ משה דאַנציקער, די אשת חיל סערקעלע – אַלע, אַלע פּאַרשוינען פֿון דער דראַמע, וואָס זענען געווען אַרײַנגעפֿלאָנטערט אין דער אינטריגע.

דער דאָקטאָר האָט געלייענט. אברהם בער גאָטלאָבער האָט געהערט. די ווײַזערס פֿונעם גרויסן וואַנטזייגער האָבן זיך גערוקט נענטער, נענטער קעגן נאַכט צו.

אַז דער דאָקטאָר האָט געענדיקט דאָס לייענען, איז אברהם בער גאָטלאָבער געשטאַנען נעבן אים. עטינגער האָט אַפֿילו נישט באַמערקט, ווען דער חולה איז אַרויסגעקראָכן פֿונעם בעט און ווען ער האָט זיך אָנגעטאָן.

גאָטלאָבער האָט אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף עטינגערס אַקסל און אַ זאָג געטאָן:
– אײַער טעאַטער-שטיק איז גאָר אַ וואַזשנע זאַך, דאָקטאָר, אײַער „סערקעלע“ האָט מיך אין גאַנצן געזונט געמאַכט.

לאַנג, לאַנג זענען זיי נאָך בײדע געזעסן צוזאַמען, געשמועסט וועגן השׂכּלה-זאַכן און וועגן דער נוצלעכקייט פֿון שרײַבן „זשאַרגאָן“. דאָס וואָרט „זשאַרגאָן“ האָט באַנוצט נאָר גאָטלאָבער. דער דאָקטאָר האָט כּסדר באַנוצט דעם נאָמען „ייִדיש“.

אַהיימגעגאַנגען איז דער דאָקטאָר אַ צופֿרידענער, אַ גליקלעכער. די גוטע ווערטער, וואָס גאָטלאָבער האָט אים געזאָגט וועגן זײַנע שריפֿטן, האָבן אים אויפֿגעלעבט.

מען דאַרף אָנווענדן אַלע כּוחות, האָט ער באַשלאָסן, אַז אַלע מײַנע ווערק זאָלן דערשײַנען אין דרוק. שוין צײַט, כ׳לעבן אַז דאָס פֿאָלק, פֿאַר וועלכן איך האָב געשריבן, זאָל הנאה האָבן פֿון די אַלע זאַכן. לייענען, לערנען און דער עיקר הנאה האָבן.

מיט פֿאַמעלעכע טריט איז ער געגאַנגען, דער דאָקטאָר. דער הימל איז געווען טיף אויסגעשטערנט. ער האָט מיט דער פֿולער ברוסט אין זיך אַרײַנגעאָטעמט דעם זומערווינט. געזען אין דמיון ווי ייִדן לייענען זײַנע משלים, זײַנע קליינע מעשׂהלעך, זײַנע קאַטאָוועסלעך און זײַן „סערקעלע“.

ער האָט נישט געאַנט, דער דאָזיקער ליבער און האַרציקער דאָקטאָר, אַז אים וועט ניט זײַן באַשערט צו זען קיין איין געדרוקט וואָרט זײַנס בײַם לעבן און אַז ערשט אין אַ סך, אַ סך יאָרן נאָך זײַן טויט, אין אַן ערך הונדערט יאָר אַרום, וועלן זײַנע כּתבים דערזען די ליכטיקע שײַן און די ייִדישע ליטעראַטור וועט געפֿינען, דערקענען און אָנערקענען איר דאָקטאָר שלמה עטינגער.

Copyright © 2007 Leonard Prager
All Rights Reserved